# קרבנות פון פארברעכנס

## 'ליסטע פון רעכטן'
## (Bill of Rights)



אפיס פון די ניו יארק סטעיט
אטוירני דזשענעראל
**לעטישע דזשעימס**

## מיטלען

**אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל**
ag.ny.gov
1-800-771-7755

**הילף פאר קרבנות פון פארברעכנס**
ag.ny.gov/resources/individuals/policing-issues/victims-rights
1-877-462-4697

**ניו יארק סטעיט אמיס פון סערוויסעס פאר קרבנות**
ovs.ny.gov
1-800-247-8035

**ניו יארק סטעיט 'טשיילד אביוז און מאלטריעטמענט' האטליין**
ocfs.ny.gov/main/cps
1-800-342-3720

**ניו יארק סטעיט 'דאמעסטיק ווייאלענס' האטליין**
opdv.ny.gov
1-800-942-6906

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר די עידזשינג 'סיניאר סיטיזן' האטליין**
aging.ny.gov
1-844-697-6321

**טייערע ניו יארקער,**

קרבנות האבן רעכטן – רעכטן צו באקומען אינפארמאציע, מעלדונגען, און אין געוויסע פעלער, רעכטן צו אנטשעדיגונג ['קאמפענסעישאן'] (compensation).

שווין מער ווי פופציג יאר וואס ניו יארק סטעיט האט געארבייט צו פארזיכערן אז די רעכטן ווערן באשיצט. די וואס פארסירן דאס געזעץ ['לאו ענפארסמענט'] (Law enforcement) און פראקורארן מוזן מאכן זיכער אז די קרבנות און זייערע פאמיליעס ווערן באהאנדלט יושר'דיג און רעספעקטפול דורכאויס די קרימינאלע יוסטיץ פראצעדור. די דאזיגע רעכטן גייען ווייטער אן אפילו ווען דער פארברעכער איז שוין פאראורטיילט געווארן.

מיין אפיס איז פארפליכטעט צו באשיצן די דאזיגע רעכטן פון קרבנות פון פארברעכנס און זייערע פאמיליעס. דער דאזיגער בראשור שיינט א ליכט אויף א טייל פון די דאזיגע רעכטן, און עס שטעלט צו אינפארמאציע איבער אנדערע מיטלען (resources) פאר קרבנות פון פארברעכנס. אויב איר האט פראגעס איבער וויאזוי די דאזיגע רעכטן גילטן פאר אייך, ביטע האלט זיך נישט צוריק פון זיך פארבינדן מיט מיין אפיס.

מיט שעצונג,

Letitia James



אטוירני דזשענעראל
פון ניו יארק
**לעטישע דזשעימס**

# קרבנות האבן די רעכט צו:

**.1 אן אומזיסטע קאפי פון די פאליציי באריכט,** אפילו אויב עס איז נישט געווען קיין פיזישע שעדיגונג.

**.2 ווערן איינגעמאלדן איבער קרימינאלע פראצעדורן.** קרבנות וואס שטעלן צו אן איצטיגע אדרעס און טעלעפאן נומער פאר דעם פראקוראר האבן די רעכט צו ווערן איינגעמאלדן ווען דער באשולדיגטער ווערט ארעסטירט; די ערשטע ערשיינונג העפאר א ריכטער; ארויס געלאזט אויף דער פריי פון טורמע אין די צייט וואס די קרימינאלע פראצעדורן זענען אנגעהאנגן; ווען עס ווערט איינגעגעבן א שולד דערקלערונג, פראצעס און אורטייל; די מאקסימום און מינימום טערמינען פון תפיסה אויב דער פארברעכער ווערט פאראורטיילט צו טורמע; און סיי וועלכע 'פאראל' (parole) פארהערן דאטום'ס.

**.3 מאכן א סטעיטמענט וויאזוי דער קרבן איז באווירקט געווארן – אין די צייט ווען אן אורטייל ווערט ארויס געגעבן אין א 'פעלאני' (felony) קעיס.** דער סטעיטמענט ערלויבט פאר די קרבנות אויס צו דריקן און מיטטיילן זייערע געפיהלן איבער דעם פארברעך און ווי אזוי דער פארברעך האט געווירקט אויף זיי און אויף זייערע פאמיליעס.

**.4 באקומען א 'וויתור' (waiver) פון די 'פיס' (fees) צו ערזעצן דרייווער'ס לייסענס,** פערמיט, רעגיסטראציע און לייסענס פלעיטס וואס זענען פארלוירן געווארן אדער גע'גנב'עט געווארן אין רעזולטאט פון א פארברעך.

**.5 אז די וואס פארסירן דאס געזעץ און דער פראקוראר זאלן אינפארמירן זייערע ארבייטס געבער אז די קרימינאלע קעיס וועט פאדערן מען זאל פעלן פון דער ארבייט,** אדער פארשטיין צו געבן די אומשטענדן פון די פארברעך פאר 'קרעדיטארס' (creditors).

**.6 נישט באקומען קיין שטראף דורך אן ארבייטס געבער** ווען זיי ערשיינען אלס אן עדות אין א קרימינאלע פראצעס, ווען מען באראט זיך מיט פראקורארן אדער ווען מען נוצט אויס אנדערע רעכטן וואס זענען פאראן אונטערן געזעץ. אויב אן ארבייטס געבער פארלעצט דעם געזעץ איז עס א 'בי. מיסדעמינאר' (B misdemeanor).

**.7 איינגעבן א פארלאנג פאר קרבנות אנטשעדיגונג און הילף** ביי די ניו יארק סטעיט אפיס פון 'וויקטעם סערוויסעס' (Office of Victim Services). קרבנות וואס ליידן פון א פיזישע שעדיגונג אדער קרובים פון מארד קרבנות זענען בארעכטיגט צו באקומען ארויס-פון-טאש אויסגאבן וואס מען מוז אויסגעבן אלס רעזולטאט פון דעם פארברעך. די אויסגאבן קענען אריין רעכענען די פארריכטונג אדער די ערזעצונג פון געשעדיגטע פארמעגנס, צאלונגען פארן פארלירן פון די פארדינסטן אדער שטיצע, מעדעצינישע און 'קאונסלינג' (counseling) בילס, רייניגן דאס פלאץ ווי דער פארברעך איז פארגעקומען, אדער לוויי ['פיונעראל'] (funeral) אויסגאבן. קרבנות פון פארברעכנס קענען אויך זיין בארעכטיגט צו טראנספארטאציע אויסגאבן וואס מען גיט אויס פאר וויכטיגע געריכט ערשיינונגען. קרבנות פון קידנעפינג, 'סטאלקינג' (stalking) און אומגעזעצליך פארשליסן אין טורמע ['אנלאופול אמפריזאנמענט'] (unlawful imprisonment), קענען זיין בארעכטיגט צו באקומען אן 'אווארד' (award) צו דעקן דעם פארלוסט פון פארדינסט אדער שטיצע, די אום- צוריק- באצאלטע קאסט פון 'קאונסלינג' (counseling), 'רעהאביליטעטיוו טרעינינג' (rehabilitative training), און די קאסט פון 'געשעדיגטע נייטיגע פערזענליכע פארמעגן' (damaged essential personal property) און זיכערהייטס אפאראטן. די 'קלעימס' דארפן ווערן אריין געגעבן אין פארלויף פון איין יאר פון ווען די פארברעך איז פארגעקומען, אדער אין פארלויף פון איין יאר פון דעם קרבן'ס טויט. איר קענט באקומען א 'קלעים פארם' (claim form) פון די פאליציי, פון דעם פראקוראר, פון די עמוירדזשענסי רום אין שפיטאל, די 'אפיס פון וויקטעם סערוויסעס' (Office of Victim Services), אדער דורך די אפיס פון די אטוירני דזשענעראל. הילף איז אויך פאראן צו באקומען פון אנדערע פראגראמען אזוי ווי 'רעיפ קרייסיס סענטערס' (rape crisis centers) און 'דאמעסטיק ווייאלענס' (domestic violence) און 'טשיילד אביוז' (child abuse) פראגראמען. בעט 'רעפוירלס' (referrals) פון דעם פראקוראר'ס אפיס.

**.8 פארלאנגט 'רעסטיטוציע' (restitution)** און אז דער פראקוראר זאל זיין דער וואס פרעזענטירט דעם פארלאנג אין געריכט. א קרבן קען פארלאנגן אז דער פארברעכער זאל צוריק צאלן דאס וואס איז פארלוירן געווארן אין רעזולטאט פון די פארברעך. די 'רעסטיטוציע' (restitution) סומע איז באזירט אויף סיי וועלכע באווייז וואס א קרבן קען מעגליך האבן (רעקארדס, רעסיטס) פון סיי וועלכע זאכן וואס דער קרבן האט פארלוירן אין רעזולטאט פון די פארברעך. 'רעסטיטוציע' (restitution) קען זיין א טייל פון דעם פארברעכער'ס אורטייל.

**.9 זיין פריי פון איבערשרעקונגען, סטראשונקעס אדער רדיפה.** איבער שרעקן א קרבן אדער אן עדות איז א 'פעלאני' (felony), אויסער פון סיי וועלכע קלאגעס וואס דער אנגעקלאגטער שטייט שוין סיי ווי אויס. אויב איר ווערט באדראעט אדער אייער פארמעגן ווערט געשעדיגט דורך עמיצן וואס איז פארבינדן מיט אייער קעיס, זאלט איר זיך זאפארט פארבינדן מיט דעם פראקוראר'ס אפיס און מיט די וואס פארסירן דאס געזעץ. אין פעלער וואס איז פארבינדן מיט פאמיליע געוואלדטאטן און/אדער אנדערע געוואלדטאטן, קען מען פארלאנגן א באשיצונג באפעל ['ארדער אוו פראטעקשאן'] (order of protection).

**.10 באקומען א מעלדונג איבער א 'דיסטשארדזש' (discharge), באפרייאונג אדער אנטלויף פון א פארברעכער פון א טורמע סארט אנשטאלט (correctional facility).** דער פראקוראר האט א פארם וואס מען קען אויספילן כדי אז איר זאלט בלייבן אינפארמירט. די ניו יארק 'וויקטעם אינפארמעישאן ענד נאטיפיקעישאן עווירידעי' (New York Victim Information and Notification Everyday (VINE)) סיסטעם שטעלט צו העכסט פארגעשריטענע (up-to-date) אינפארמאציע איבער די 'קאסטאדי סטאטוס' (custody status) פון די פארברעכער דורכ'ן טעלעפאן אדער דורכ'ן אינטערנעט. קרבנות פון פארברעך און אנדערע ניו יארקער איינוואוינער קענען רופן (888) VINE-4NY ((888-846-3469)), אדער זיך פארבינדן דורך vinelink.com צו באקומען אינפארמאציע איבער די איינגעשפארטע פארברעכערס. דורך צו- שטעלן אן ארעסטאנט'ס אידענטיפיקאציע נומער אדער געבורטס טאג, וואס איר קענט באקומען פון דעם פראקוראר, קענט איר געוואר ווערן אינפארמאציע איבער דעם אורטייל און באפרייאונג. איר קענט זיך אויך רעגיסטרירן ביי VINE צו באקומען אויטאמאטישע מעלדונגען דורכ'ן טעלעפאן ווען דער ארעסטאנט ווערט באפרייט.